**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אוואנסירט $75 מיליאן SUNY טראנספארמאציע פאנד צו פארבעסערן דאס ערפאלג פונעם סטודענט, שטיצן שעפערישקייט, און העלפן נאכקומען די געברויכן פון די ארבעטס-קראפט.**

***דער פאנד העלפט סטודענטן בלייבן פאקוסירט מיט דערוויזענע, אומקאסטבארע שטיצעס; אדרעסירט הויזונג און שפייז אומזיכערקייט; און פארשטארקט עקאנאמישע פארקער***

***א טייל פון גאווערנער האקול'ס היסטארישע אינוועסטירונג אין SUNY און העכערע עדיוקעישאן אינערהאלב די FY 2024 בודזשעט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט הדרכה צו אוואנסירן די $75 מיליאן SUNY טראנספארמאציע פאנד צו פארבעסערן דאס ערפאלג פונעם סטודענט, שטיצן שעפערישקייט, און העלפן נאכקומען די געברויכן פון די ארבעטס-קראפט. א טייל פון דעם גאווערנער'ס היסטארישע אינוועסטירונג אין SUNY און אין העכערע עדיוקעישאן אינערהאלב די 2024 איינגעפירטע בודזשעט, דאס טראנספארמאציע פאנד איז אנגעשטימט צו העלפן סטודענטן בלייבן פאקוסירט צו גרייכן א קאלעדזש דעגרי אדער קרעדענשעלס מיט דערוויזענע, אומקאסטבארע שטיצעס; בשעת עס טוט אדרעסירן הויזונג און שפייז אומזיכערקייט, און פארשטארקט עקאנאמישע פארקער.

"קוואליטעט פובליק העכערע עדיוקעישאן איז א שטארקע מיטל פון סאשעל פארקער וואס איז בכח צו טוישן לעבנס, ווי עס האט געטון צו מיין אייגן פאמיליע." **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו שאפן די בעסטע פובליק עדיוקעישאן אינסטיטוציע אינעם לאנד אזוי אז מער סטודענטן זאלן קענען בויען פאר זיך א בעסערע צוקונפט און האבן די כלים צו פארנעמען די פאסטנס וועלכע דער צוקונפט וועט האלטן."

אלס באשטעטיגט דורך די SUNY באורד אוו טראסטיס, וועלן אלע SUNY קעמפוסן דערהאלטן באצאלונג דורכאויס די 2023-2024 אקאדעמישע יאר. די טראנספארמאציע פאנד וועט אויך ווערן באנוצט צו שטארקן דעם סטודענט'ס שטיצע סערוויסעס, פארבעסערן אקאדעמישע פראגראמען, פארגרעסערן איינשרייבונג, און מאדערניזירן קעמפוס אפעראציעס.

**SUNY טשענסלאר דזשאן ב. קינג, דזש. האט געזאגט,** "א דאנק גאווערנער קעטי האקול און די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטאר, האט SUNY געזען אן ערשט-מאליגע אינוועסטמענט צו שטיצן סיסטעמיק און קעמפוס איניציאטיוון, עפענענדיג די טירן צו א קאלעדזש עדיוקעישאן פאר אלע ניו יארקער. דורך די טראנספארמאציע פאנד, וועט SUNY און אונזערע 64 קעמפוסן צאלן דערוויזענע סטראטעגיעס וואס גרייטן צו מער סטודענטן פאר קאריערעס אין נאכגעזוכטע פאסטנס און וואס העלפן איבערקומען שטערונגען וואס לאזן נישט סטודענטן פארענדיגן זייער עדיוקעישאן באצייטנס."

**ניו יארק סטעיט סענאטאר און טשעיר פון די סענאט העכערע עדיוקעישאן קאמיטעט טאובי אן סטאוויצקי האט געזאגט,** "אלס טשעיר פון דעם סענאט העכערע עדיוקעישאן קאמיטעט האב איך געארבעט פון דער נאענט מיטן אסעמבלי און דער גאווערנער'ס אפיס צו פארזיכערן היסטארישע אינוועסטמענטס אין אונזער SUNY סיסטעם. מיר ווייסן אז ניו יארק'ס צוקונפט איז אפהענגיק אויף דאס עדיוקעישאן פונעם קומענדיגן דור פון העלטקעיר ארבעטער, טעכנאלאגישע שעפערישקייט, און אנדערע קריטישע, נאכגעזוכטע מומחים. דער באצאלונג וועט העלפן צוריק פארגרעסערן איינשרייבונג דורכן אוועקנעמען שטערונגען וואס שטייען אין וועג פון פיל פון אונזערע סטודענטן אויפן וועג צו גרייכן זייערע בילדונג צילן. עס איז נויטווענדיג מיר זאלן ערציען א נייעם דור פון סטודענטן היינט פאר די ארבעט-פלאץ און די פאסטנס פון מארגן."

**אסעמבלי העכערע עדיוקעישאן טשעיר פאטריסיע פאהי האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז כדי ניו יארק סטודענטן זאלן האבן ערפאלג אינעם אקאדעמישן פעלד און אריבער אויף אונזערע קאלעדזש קעמפוסן און אוניווערסיטעטן, מוזן זיי האבן א פעסטע האליסטישע שטיצנדע סיסטעם. דאס נעמט אריין שטיצע פאר סטודענטן אנבאלאנגט הויזונג, שפייז אומזיכערקייט, און מער, פארזיכערנדיג גלייכצייטיג אז זיי זענען גרייט אריינצוטרעטן אין די ארבעטס-קראפט, גרייט פאר א קאריערע, און פילן אן די נאכגעזוכטע און קוואליפיצירטע פאסטנס פון די צוקונפטיגע עקאנאמיע. איך שטאלציר אז ניו יארק'ס FY2024 בודזשעט אינוועסטירט די נויטיגע קוועלער צו אדרעסירן אט די פונדאמענטאלע געברויכן וועלכע וועלן ענדליך פארזיכערן אז מער סטודענטן וועלן פארווירקליכן זייער חלום פון באקומען א העכערע עדיוקעישאן און שטארקן אונזער עקאנאמיע. איך לויב גאווערנער האקול, טשענסלאר קינג, און סענאט העכערע עדיוקעישאן טשעיר טאובי אן סטאוויצקי פאר זייערע טעטיגקייט, מיטארבעט, און אידיאל מיטן מאכן די SUNY טראנספארמאציע פאנד זאל ווערן א פאקט."

**פרעזידענט פון די סטעיט העכערע עדיוקעישאן עקזעקיוטיוו אפיסערס אסאשיעישן ראב אנדערסאן האט געזאגט,** "SUNY פירט די וועג אין טראנספארמעישאנעל פראגראמען צו שטיצן סטודענטן דורך העכערע עדיוקעישאן און פון דארט אריין אינעם ארבעטס-קראפט. מיר לויבן אט די באדייטנדע אינוועסטירונג דורך ניו יארק צו פארבעסערן סטודענט ערפאלג און קוקן אויס צו זען די באווירקונגען פון שטעלן די געברויכן פונעם סטודענט אויפן פאדער-פראנט."

**פרעזידענט פון דעם אינסטיטוציע פאר קאלעדזש צוטריט און ערפאלג סאמיר געדקערי האט געזאגט,** "מיר זענען איבעראשט צו זען ניו יארק אינוועסטירט איבעראל אינעם סטעיט אין פולשטענדיגע צוגענג צו סטודענט ערפאלג וואס זענען דערוויזן געווארן, אין ניו יארק און איבערן לאנד, צו העלפן מער סטודענטן דערגרייכן זייערע דעגריס און פארזעצן צו ערפאלגרייכע קאריערעס. די אינוועסטירונג פון ניו יארק קען דינען אלס א קאפי-מאדעל פאר אנדערע סטעיטס."

קעמפוסן וועלן פארלייגן פלענער וואס זענען אין איינקלאנג מיט די פאלגנדע קאטעגאריעס:

- **כאטש האלב פון יעדן קאמפוס'ס פאנד שטיצע מוז ווערן גענוצט פאר:**
  - ***פארשטארקן עקאנאמישע פארקער דורך פארברייטערן עדיוקעישאן און ארבעטס-קראפט טרענירונג געלעגנהייטן:*** פארברייטערטע עדיוקעישאן און ארבעטס-קראפט טרענירונג געלעגנהייטן אין שותפות מיט עמפלאיערס אין נאכגעזוכטע געביטן אזוי ווי סעמיקאנדאקטור-פארבינדענע פראפעסיעס, ארטיפישעל אינטעליגענץ, סייבער-סעקיוריטי, און באנייענדע ענערגיע; פארשטארקן ארבעטס-קראפט ענטוויקלונג פראגראם פלעצער פאר סטודענטן און ערוואקסענע לערנערס אין איינפאסונג מיט געגנטליכע געברויכן.
  - ***מער אפהיטונג און פארפולקאמען פון סטודענטן וואס ווילן צוקומען צו א דעגרי:*** דופליקירן די ערפאלגרייכע דערוויזענע פארפולקאמען פראגראם מאדעלן

אקסעלעריטעד שטודיע אין פארבינדענע פראגראמען ( Accelerated Study in Associate Programs, ASAP) און אקסעלעריט, קאמפלעטירן, און ענגעידזש (Accelerate, Complete, and Engage, ACE), וועלכע האט באוויזן אין צופעליגע קאנטראלירטע פראבעס פיל מער צו פארבעסערן פארבינדענע און בעטשלער'ס דעגרי פארפולקאמען ראטעס און העלפן פארמאכן געלעגנהייט גאפס. שטיצע ענטהאלט שכר לימוד פארגעבונגען, געלט צו העלפן מיט קאמוניקאציע אויסגאבן און לערנביכער, אקאדעמישע הילף, פולשטענדיגע פערסאנילזירטע בעראטונג, און קאריערע ענטוויקלונג אקטיוויטעטן.

- **ביז האלב פון יעדן קאמפוס'ס פאנד שטיצע מוז ווערן גענוצט פאר:**
  - ***פארברייטערן און עפענען גלאטע טרענספער וועגן:*** פארברייטערן אדער עפענען געמיינזאמע/אויטאמאטישע איינטריט פראגראמען פאר סטודענטן וואס זענען אין קאמיוניטי קאלעדזשעס און בעטשלער'ס דעגרי ערגרייכונג אינסטיטוציעס (אזוי ווי בינגהאמטאן אדוואנטעדזש פראגראם), פארבעסערן טרענספער בעראטונג און קרעדיט אפשאצונג פראצעדורן, און פארשטארקן אדער מאכן אריענטאציע און בעראטונג פראגראמען געאייגנט פאר טרענספער סטודענטן צו פארבעסערן דאס אריבערגאנג און פארשטארקן די סטודענטן געפיל פון באלאנגען אין בעטשולערעטע קאלעדזשעס.
  - ***פארגרעסערן אפעראציאנאלע פעאיגקייט און פארקלענערן פלאכקייט:*** ענטוויקלען און איינפירן משותפ'דיגע סערוויסעס און אדמיניסטראטירן פונקציעס צו פארגרינגערן דאס איבערגעבן די סערוויסעס און איינשפארן אויסגאבן פאר קעמפוסן, און פארבעסערן רעגיאנאלע ספעציעליזאציעס צו איבערגעבן מער פאקוסירטע רעקרוטירונג באמיאונגען און נאכקומען די לאקאלע ארבעטס-קראפט געברויכן. א ביישפיל פון ווי דאס ארבעט, איז געמיינזאמע באשטעטיגטע קאסטבארע פראגראמען וואו סטודענטן פארענדיגן אלגעמיינע עדיוקעישאן פאדערונגען אין איין קעמפוס און דערהאלטן ספעציאליזירטע עדיוקעישאן און טרענירונג אין אן אונדער קעמפוס.
  - ***איבערגעבן נויטווענדיגע סטודענט שטיצעס פאר געצילטע אונטער-באדינטע באפעלקערונגען:*** אדרעסירט צוימונגען וועלכע שטייען פאר געוויסע סטודענטן גרופעס-למשל, Pell דערהאלטער, סטודענטן מיט הויזונג אומזיכערקייט, וועטעראנס, סטודענטן מיט דיסאביליטיס-דורך קלארע שטיצעס אזוי ווי אדרעסירן שפייז אומזיכערקייט, מענטל העלט, און טראנספארטאציע לייזונגען נוצנדיג דערוויזענע מאדעלן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418